# סעקס און דער סינגל-ייִד: אַ בלייז אין דער הײַנטיקער ליטעראַטור

## פֿון רעדאַקציע

לעצטנס קאָכט זיך די אַמעריקאַנער מעדיִאַ איבער Eyes Wide Shut, דעם לעצטן פֿילם פֿון Stanley Kubrick, דער דירעקטאָר פֿון Dr. Strangelove, 2001: A Space Odyssey, און נאָך קלאַסיקע פֿילמען. Eyes Wide Shut ווערט צעפּויקט אין זײַן פּירסום ווי אַ מיסטעריעז-עראָטישע אַנטפּלעקונג פֿון ניו-יאָרקס תּאַווהדיקער שאָטנזײַט.

מיר ברענגען דאָ אַ ציטאַט פֿון אַ רעצענזיע פֿון Kubrick ס פֿילם וואָס איז אַרויס אין New York Times פֿון 20סטן יולי. דער מחבר, Stephen Holden, שרײַבט בזה הלשון:

> קען זײַן אַז ניו-יאָרק איז דער סאַמע פֿאַרצווײַגסטער, קאָנקורירערישסטער, הויכפּרײַזיקסטער פֿליישמאַרק אויף דער וועלט, ובפֿרט זומערצײַט, ווען האַלב מענטשן פּאַראַדירן זיך האַלב נאַקעטערהייט. געוויסע נאַכטן, ווען די גאַסן שוויבלען און ווימלען זיך מיט ספּאָרט-אויסגעטאָקטע גופֿים און צוגעפּאַסטע 'עטיטודס', מאָלט זיך אַ מיליאָן סעקס-פֿאַנטאַזיעס אין דער נאַקעטער שטאָט וואָס זיי גיסן זיך צונויף אין איין ריזיקער אָרגיע. ...
> אין Eyes Wide Shut איז דאָ אַ מאָדנע-ראָמאַנטיש גלויבן, אַז עס עקזיסטירט אַ סודותדיקע סעקסוועלט וווּ נאָר די עליטישע קאָגנאָטשענטי די פֿאַרשאָלטענע מעגן אַהין אַרײַנגיין. נאָר טאָמער אַזאַ וועלט האָט אַמאָל יאָ עקזיסטירט אין ניו-יאָרק, איז עס דאַווקא נישט פֿאַראַן אין הײַנטיקן קלימאַט פֿון זיך-פֿאַרמערנדיקע טעלעפֿאָן-סעקס, עסקאָרט-סערוויסעס, אינטערנעט-פּאָרנאָגראַפֿיע, און מענטשנס אָבסעסיעס מיטן פּראָצענט לײַבפֿעץ, ברוסטמוסקלען און ריזיק-אופֿסקאַלירטע בריסט און געניטאַלן. נישט געקוקט אויף מייאָר דזשוליאַניס פּרוּוון סאַניטיזירן ניו-יאָרקס עראָטישע קולטור, בלײַבט די שטאָט מער ווי ווען נישט איז אַ סעקס-סופּערמאַרק, וווּ אַלץ וואָס מע קען זיך נאָר חלומען איז אָפֿן אויסגעשטעלט אין מעדיִאַ-וויטרינע. מיט אַ טעלעפֿאָן-קלונג צי אַ קנעפּלקוועטש קען מען גלײַך באַקומען 'סערוויס'."

דער לייענער וועט זיך פֿרעגן פֿאַר וואָס מיר האָבן געבראַכט דעם דאָזיקן ציטאַט. נישט נאָר כּדי "מגרה צו זײַן" [אָנצורייצן] דעם יצר-הרע (ווי עס שרײַבט זיך אין משנה ברורה וועגן דבֿרי חשק, ליבע-געשיכטעס). נאָר כּדי צו ווײַזן, אַז בײַ לײַטן שרײַבט מען וועגן סעקס, און אין ענגליש-שפּראַכיקע (און מסתּמאָ אין אַנדערע זשורנאַלן) איז אָנגענומען, אַז סעקס איז אַ לעבנספֿאַקט וואָס מע שעמט זיך נישט מיט דעם. נישט נאָר דאָס, נאָר דאָס גאַנצע אַרטיקל גיט זיך אָפּ די פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס סעקס, וואָס ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דעם סעזאָנס מוויס און טעלעוויזיע-פּראָגראַמען.

ס׳איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז קיין אַזוינע אַרטיקל וואָלט זיך נישט באַוויזן אין אַ ייִדיש-שפּראַכיקן זשורנאַל. טייל וועלן זיך אופֿבלאָזן, הלמאַי אַזאַ געדאַנק איז אונדז אַפֿילו אײַנגעפֿאַלן: סטײַטש? ייִדן זײַנען ערלעכע, צניעותדיקע באַשעפֿענישן, און דאַרפֿן נישט צעפּראַלן פֿאַר אַ ברייטן עולם די טירן פֿון זייערע שלאָפֿצימערן. מה טבֿו אוהליך יעקבֿ, משכּנותיך ישׂראל.

נאָר פֿון דער אַנדערער זײַט שרײַבט מען אַלע מאָל וועגן טונקעלע, נישט אָנשטענדיקע זײַטן פֿון אונדזער פֿאָלק און קולטור. מע שרײַבט וועגן זיי ווײַל זיי זײַנען וויכטיק, און אין דער עפֿנטלעכקייט דאַרף מען ספּראָווען זיך מיט עניני דיומא. אַנישט ווערן פּראָבלעמען פֿאַרשטיקט, און יעדער וואָס הייבט זיי אַרויס איז אָדער אַ מאַוועריק, אָדער אַ כּופֿר-ביקער.

אָט וואָס שטייט פֿאַר אונדז אין אונדזערע ייִדישע כּילות אין שייכות מיט סעקס: דאָס פֿעלן פֿון סעקס-דערציונג אין דער מאָדערן-אָרטאָדאָקסישער קהילה, אין דער חרדישער קהילה שוין אָפּגערעדט; דער פּראָבלעם פֿון צו פֿיל קינדער האָבן; עידס און HIV און אַנדערע סעקסועל איבערגעגעבענע קראַנקייטן; די באַהאַנדלונג פֿון האָמאָסעקסואַליסטן אין דער קהילה; און נאָך אינטערעסאַנטע, דרינגלעכע, און אָנגעווייטיקטע שאלות. אָבער אַז מע גיט אַ בלעטער דורך די שפּאַלטן פֿון אונדזערע טריבונעס איז גלײַך ווי די דאָזיקע טעמעס וואָלטן נישט עקזיסטירט, באשר "אַחינו בני ישׂראל" זײַנען צו ערלעך אויף אַזעלכע פּראָבלעמען.

מעגלעך, אַז מיר וואַרפֿן זיך מיט גדלותדיקע באַשרײַבונגען פֿון אַחינו בני ישׂראלס גוטע מידות נאָר ווען ס׳קומט צו רייד אַזאַ זאַך וואָס שטעלט אונדז אין אַ פֿאַרלעגנהייט. די פֿראַזע "ייִדן טוען נישט אַזוי" הערט זיך נאָר ווען ייִדן טוען יאָ דווקא אַזוי. "שיכּור איז ער, טרינקען מוז ער, ווײַל ער איז אַ גוי" איז נישט נאָר אַ ראַסיסטיש ליד פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט (די נאָסטאַלגיסטן צווישן אונדזער לייענערשאַפֿט זאָלן נישט האָבן קיין פֿאַראיבל), נאָר אַ נישט-דערזאָגטע צוגעבונג, אַז ייִדן זײַנען אויך אַ מאָל שיכּורים. אַנישט וואָלט מען

נישט אַזוי באַצייכנט דעם גוי. אַזוי מסתּמאָ אויך מיט צניעות, הייסט עס בײַ קבֿרות התּאַווה זײַנען דאָך קיין גויִם נישט געווען.

בײַם איבערשטן איז אָבער אַנדערש. אונדז דאַכט זיך (אויב מיר האָבן קיין טעות נישט) אַז אין די ערטער אין חומש ווען עס גייט די רייד וועגן די מידות אָדער דער טבֿע פֿון פֿאָלק ישׂראל איז עס אָפּטמאָל אין פֿאַל פֿון אַ חטא: "עם קשה עורף" און אַזוי ווײַטער. איז אָפּצולערנען: דאָס אופּטאָן איז וויכטיקער ווי דאָס באַשרײַבן. ווי שטייט עס? "נעשׂה ונשמע." נישט "מיר וועלן טאָן און מענטשלעך וועלן מיר זײַן, ווײַל מיר זײַנען ייִדן און דאָס איז בײַ אונדז מסורה" נאָר פּשוט "מיר וועלן טאָן און האָרכן." אפֿשר דאַרף מען מער שרײַבן וועגן דעם, וואָס בעט זיך באַשריבן צו ווערן, און ווייניקער שרײַבן וועגן זיך? און אַז דער גלגל החוזר דרייט זיך, און גיט זיך אַ שטעל אָפּ בײַם אָרט סעקס און זײַנע ווירקונגען, דאַרפֿן מיר אויך וועגן דעם שרײַבן, און זיך נישט אָפּזאָגן צוליב אונדזער כּלומרשטיקע אומוויסיקייט אין אַזאַ האַרבער קשיא.